**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/2/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פינף פעסטגעשטעלטע קאָוויד-19**
**אָמיקראָן וועריענט פעלער אין ניו יארק**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די ערשטע פעסטגעשטעלטע פעלער פון די קאָוויד-19 אָמיקראָן וועריענט אין ניו יארק סטעיט. ביז אהער זענען די פינף פעלער ווארשיינליך נישט פארבינדן און זענען פעסטגעשטעלט געווארן דורך די די-ען-עי פון דעם SARS-CoV-2 ווירוס. איין פאל איז פון סופאלק קאונטי מיט א היסטאריע פון רייזע צו דרום אפריקע. דער יחיד איז געווען אנע סימפטאמען בשעת'ן אהיימפאר און איז געווארן סימפטאמאטיש נאכ'ן זיך אומקערן אהיים. די-ען-עי אונטערזוכונג דורכגעפירט ביים פאנדעמיע אפרוף לאבאראטאריע (PRL) באשטעטיגט די אנוועזנהייט פון דעם אָמיקראָן וועריענט. די אנדערע פיר פעלער זענען ניו יארק סיטי איינוואוינער. צוויי פעלער פון קווינס און איינס פון ברוקלין זענען פעסטגעשטעלט געווארן ביי PRL, און די אנדערע פאל, וועמענס וואוינונג בארא ווערט נאך אלץ אונטערזוכט, איז פעסטגעשטעלט געווארן דורך דער ניו יארק סיטי פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע.

"ווי איך האב געזאגט זינט מיר זענען ערשט געווארן באוואוסטזיניג פון דאס אויפקומען פון דעם אָמיקראָן וועריענט און געזאגט פריער היינט, איז עס בלויז געווען אן ענין פון צייט בעפאר עס איז דערשפירט געווארן דא אין ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל דאנקען מעיאר דע-בלאזיא און זיין מאנשאפט פאר'ן ארבעטן נאענט מיט אונז אין דעם באמיאונג צו דערשפירן דעם אָמיקראָן וועריענט און פאר אונזער געמיינזאמע פאנדעמיע באמיאונגען. איך וויל אויך אז אלע ניו יארקער זאלן וויסן אז מיר גרייטן זיך אויף דעם און מיר וועלן ווייטער אנהאלטן די אפענע קאמוניקאציע מיט ניו יארקער אזוי ווי מיר ארבעטן נאענט אינאיינעם מיט אונזערע צוזאמענארבעטער ביי דער נאציאנאלע, סטעיט און ארטיגע שטאפל. אדאנק די לעבנס-רעטנדע געצייג וואס מיר האבן צו דער האנט, ווי וואקסינען און בוסטערס, האבן מיר די מיטלען אין אונזער ארסענאל צו באקעמפען דעם פאנדעמיק — אריינגערעכנט דער דעלטע און אָמיקראָן וועריענטס. איך דערמוטיג יעדע ניו יארקער צו נעמען די נויטיגע שריטן צו האלטן זיכער זיך און זייערע קאמיוניטיס: ווערט וואקסינירט, ווערט גע'בוסט'עט און טראגן א מאסקע."

די ניו יארק סטעיט פעלער קומען נאך גאווערנער האקול'ס פרימארגנדיגע אנאנסמענט אינאיינעם מיט העלט קאמישענערין דר. מערי טי. באסעט, אז דער אָמיקראָן וועריענט איז דערשפירט געווארן אין א מינעסאטע איינוואוינער וואס האט פארברענגט צייט אין ניו יארק סיטי ביי א לעצטנסדיגע אנימע פארזאמלונג ביים דזשעוויטס צענטער. דער גאווערנער און העלט קאמישענער דערמוטיגן יעדן וואס האט אנטיילגענומען צו ווערן גע'טעסט פאר קאָוויד-19. די פעלער זענען ווארשיינליך אומפארבינדן מיט יענע פארזאמלונג.

"אזוי ווי איך האב פריער געזאגט ביי דעם גאווערנער'ס בריעפינג, איז די וויכטיגסטע יעוץ וואס מיר קענען געבן פאר ניו יארקער צו דער איצטיגער צייט איז זיך צו וואקסינירן, באקומען א בוסטער שאָט אויב איר זענט שוין וואקסינירט און טראגט א מאסקע," **האט געזאגט קאמיסיאנערין דר. מערי טי.**

**באַסעט.** "מיר דערמוטיגן דעם פובליק נישט אריינצופאלן אין א פאניק, בשעת מיר געפונען אויס מער איבער דעם וועריענט און זענען גרייט עס צו באהאנדלען. לאבאראטאריעס לענגאויס ניו יארק סטעיט, אריינגערעכנט אונזער וועלט-בארימטע פובליק געזונטהייט לאבאראטאריע, די וואדסווארט צענטער, האבן פארשנעלערט די די-ען-עי סיקווענץ אונטערזוכונג ארבעט צו דערשפירן און שטודירן די אָמיקראָן וועריענט און מיר וועלן פארזעצן ווייטער צו ארבעטן מיט אונזערע פרעמיערע פובליק געזונטהייט מומחים איף צו באשיצן ניו יארקער."

ניו יארק סטעיט העלט דעפּארטמענט'ס וואדסווארט צענטער לאבארעטאריע זעצט פאר ווייטער צו אקטיוו נאכפאלגן קאוויד-19 ווירוס סעמפּלס פארזאמלט פון ארום דעם סטעיט צו פארגלייכן די-ען-עי אויסשטעל און אידענטיפיצירן די גענעטישע אינפארמאציע און טרעפן צירקולירנדע נייע ווארינאנטן, אריינגערעכנט אָמיקראָן. דער דעפארטמענט טוט אויך נאכשפירן אלע דאטע אריינגעגעבן צו פובליק די-ען-עי סיקווענץ דאַטעבּעיסעס דורך די פילע אנדערע די-ען-עי סיקווענץ אונטערזוכונג לאבאראטאריעס לענגאויס ניו יארק סטעיט און איבער די US, ביישטייערנדיג צו א פעסטע און צוזאמענארבעטנדע פארשונג פראגראם פאר וועריענט אנאליז. דער וואדסווארט צענטער טוט יעצט אויספירן די קאָוויד-19 ווירוס פראבקעס מיט א קאפאציטעט ביז אומגעפער 100 א טאג. פראבקעס ווערן אויסגעקליבן ראנדאמאל פון איבער'ן סטעיט צו העלפן די פארשונג לענגאויס אלע געאגראפישע לאקאציעס און דאטע אנאליזירט לענגאויס די גאנצע די-ען-עי סיקווענץ פון דעם ווירוס. דער אנאליז רעכנט אריין אפשאצונג פאר אומבייט וואס רעכנט אריין וועריענטס פון זארג און וועריענטס פון אינטערעס.

אנדערע לאבאראטאריעס אין ניו יארק סטעיט פירן אויס ענליכע ארבעט. די רעזולטאטן פון וואדסווארט און אנדערע לאבאראטאריעס ווערן אפּלאָוד׳עט צו פובליק דאַטעבּעיסעס, איבערהויפּט GISAID. פון דעם דאַטעבּעיס, קען מען דאונלאד׳ען סיקווענץ דאטע פון אלע ביישטייערער און אנאליזירן פאר א מער קאמפּלעטע בילד פון ווירוס אויסבראכן איבער'ן סטעיט און די פארשפרייטונג פון וועריענטס פון די אנאליזען פאר אן איבערבליק איבער א צייט אפשניט. דער סטעיט האט געמאכט די דאטע גרינג צו באקומען פאר יעדע ניו יארקער ביי זייער קאָוויד-19 וועריענט בלאט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418